ער גייט פון שטוב צו שטוב, פון עלטערן מיט איינציקע זין, וואָס געפינען זיך הארט לעבן פראָנט, צו עלטערן מיט צוויי און דריי זין — און אלע זענען אין רוסלאנד. אומעטום פרעגט מען אים, דעם מענטש פון דער „מאכט", זאָל ער זאָגן, ער קער דאָך מסתמא וויסן: וואָס דראָט זיי, וואָס דערוואַרט זיי? וועלן זיי נאָך דערלעבן זייערע קינדער צו זען?

אויף דער סמאָטשע זענען שוין אָנגעקומען די ערשטע צוריקוואַנדערער, יינגלעך ווי ביימער, זיי האָבן נישט געמאכט קיין לאנגע שהיות און זענען צוריקגעלאָפן קיין וואַרשע. אַנדערע זיצן און וואַרטן, אַז זייערע קינדער זאָל אויך איינפאלן צו טאָן דאָס אייגענע — און אויף דער פּאָסט טוט זיך חושך. די בריוו ווערן ווייניקער פון טאָג צו טאָג, טויזנטער בריוו, וואָס זענען אין די לעצטע טעג אָפּגעשיקט געוואָרן קיין רוסלאַנד, קומען שוין צוריק מיט דער צושריפט אין דייטש „פּאָסט שפּערע"; מע פאַרשטייט, אַז נאָך אַ פּאָר טעג און די פּאָסט פון רוסלאַנד וועט זיך אינגאַנצן אָפּשטעלן און דערמיט אויך אַ גרויסער טייל פון דער הכנסה פון דער יידישער פּאָסט. דער דירעקטאָר פאַרזשמורעט דאָס רעכטע אויג און זאָגט קלוג, קלונעטשקע: און אפשר... כ'ווייס, אפשר וועט די פּאָסט זיך אינגאנצן פאַרמאכן... דערמיט ענטפערט ער שוין אויף אלע טענות פון די בריוו־טרעגער וועגן שלעכטער דערנערונג, עבודת פּרך, צעריסענע שיך און אַרונטערגעריסן געזונט.

דער קאָשמאַר אין יידישן וואַרשע ווערט געדיכטער, די האָפענונגען — פאַרלאָשענער: נישטאָ מער קיין בריוו פון רוסלאַנד, נישטאָ קיין פּעקלעך, נאָר מויערן, רויטע, איינטאָניקע, קאַלטע געטאָ־מויערן, ווי אומעטיקע תפיסות. וועמען גייט דאָ נאָך אָן די יידישע פּאָסט, וועמען קימערן די געשוואָלענע פיס פונעם יידישן בריוטרעגער?...

וואַרשע, געטאָ, אין אָקטאָבער 1941.

He goes from house to house, from parents with one son, who is located near the front, to parents with two or three sons—all of them in Russia. And everywhere they ask him, the man from the government, to tell them, for he probably knows: What threatens them, what awaits them? Will they live to see their children?

The first returnees already appeared on the Smocza. Lads, straight as trees, they didn't think long and quickly ran back to Warsaw. Parents wait and hope that their children, too, shall decide to do the same—and there is pandemonium at the post office. The letters become fewer day by day. Thousands of letters sent out to Russia in the last few days are coming back with a stamped German notation "Post Office Closed." It is thought that in a few days all mail from Russia will come to a full stop, and with this, also, a great part of the income of the Jewish post office. The director half closes his right eye and says, like the wiseacre that he is: "And maybe . . . who knows, maybe the post office will be closed for good," and this way, he thinks, he answers all questions of the letter carriers about insufficient food, hard work, worn-out shoes and impaired health.

The nightmare in Jewish Warsaw becomes thicker, the hopes—slimmer. There are no more letters from Russia, no more packages from Russia. There are only brick tenements, red, monotonous, cold ghetto-tenements, like disheartening prisons. Who cares about the Jewish post office, who worries about the Jewish letter carrier's swollen feet?